# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................7:58
מוצאי שב"ק.......................9:27

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ישעיה י"ד-ט"ו
בבלי.........................שבת ע"ח
ירושלמי...........ראש השנה י"ג
תוספתא...................תרומות ו'
רמב"ם.......................עדות ח'


פרשת במדבר, כ"ט אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ו', שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 35 (449)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְשָׁמְרוּ אֶת מִשְׁמַרְתּוֹ וְאֶת מִשְׁמֶרֶת כָּל הָעֵדָה

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט (הוּבָא בְּפְּעֻלַּת הַצַּדִיק, סִימָן תתקע): אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' יִשְׂרָאֵל פוּן נֶעמִירוֹב. אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן פָארְן צוּ אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ - וואוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ מִלְחָמָה - פַאר פַּרְנָסָה; הֱיוֹת דֶער מֶענְטְש הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְן הָאט אִים דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז יָא מִיט נֵיין אִיז בַּיי דִיר גְלַייךְ, אוּן זָאלְסְט זָאגְן פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, נָאכְדֶעם וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט דִיר אַרַיין קוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן", עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְנְדִיג: "עֶס אִיז מִיר אַרַיין אִין מַחְשָׁבָה אִיךְ זָאל יָא פָארְן", פַארְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּסְט קְלָאר אַז דֶער אִיד הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט יָא אוּן נֵיין צוּגְלַייךְ, נָאר וַוייל עֶס הָאט אִין אִים גֶעבְּרֶענְט תַּאֲוות מָמוֹן הָאט עֶר יָא גֶעוָואלְט פָארְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָא, מִיט אַ פְּלַאטְצִיקְל קֶען מֶען אַמָאל כַאפְּן אַ הֶעכְט (מִיט אַ קְלֵיינֶע פִיש קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַ גְרוֹיסֶע פִישׁ)"; בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס גֶעזָאגְט הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ יֶענֶע פְּלַאץ הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר צוּ אִידִישְׁקֵייט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר שוֹין פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן.

דָאס אִיז גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין הַפָּצָה, אַז וֶוען מֶען גֵייט הַפָּצָה קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶועם מֶען בְּרֶענְגְט יֶעצְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דִי הַפָּצָה.

וִוי אַזוֹי אִיז מוֹהֲרָא"ש מְקוּרָב גֶעוָוארְן? מוֹהֲרָא"ש אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן וָואס אַ מֵפִיץ הָאט מֵפִיץ גֶעוֶוען פַאר מוֹהֲרָא"ש'ס טַאטֶע דֶער טָאקַאיֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט דָאס מוֹהֲרָא"ש גֶעפוּנֶען אוּן דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן פוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן צוּם גוּטְן.

דֶער מֵפִיץ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט זַיין הַפָּצָה, נָאר וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אִין הִימְל וֶועט עֶר זֶען וָואס פַאר אַ זְכוּתִים עֶס גֵייט פַאר אִים פוּן אַלֶע תּוֹרָה תְּפִילָה תְּשׁוּבָה מִצְוֹות וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט נָאךְ הַיינְט עֶפֶּעס טוּן פַאר הַפָּצָה, זֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים - אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ"; וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשע"ט)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### סַבְלָנוּת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָדֶער מִיט קַיין שוּם מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאוַוייזְט דָאס אַז גָארְנִישְׁט קֶען אִים דֶערְנֶערְוִוירְן אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין נֶערְוֶועזְקֵייט, דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו') אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אֵיינֶער ווערְט פַארְשֶׁעמְט אָדֶער מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן מֶען דֶערְנֶערְווִירְט אִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה.

מֶען דַארְף אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט גוּט אִין הַארְץ אַרַיין, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קנ"ה) אַז צוּצוּקוּמֶען צוּ גֶעדוּלְדִיגְקֵייט אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז גָארְנִישְׁט פִירְט זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין כַּעַס, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְדִיג, וַוייל עֶר ווֵייסְט אַז אַלְץ אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וָואס פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם פוּן אוֹיבְן, גָארְנִישְׁט פִירְט זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶעם אֵיינֶעם, וּבִפְרַט צוּ דִי

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֵוייסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא): "וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס!" יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, עֶר מֵיינְט אַז אַלֶעס קוּמְט זִיךְ אִים אוּן עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט; דָאס קוּמְט פוּן דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת", דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וְכוּ', וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעהַאט אַ חַיִים טוֹבִים. דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט? קְרֶעכְץ עֶס אוֹיס".

טֵייעֶרֶער ..., וֶועגְן אַבִּיסְל בְּלוּט זָאלְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן? גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִדְבָּר תש"פ)

# וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַאר׳חָלוֹמְ׳ט קִינְד?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, וּבִפְרַט פַאר דִי חִיזוּק אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס שְׁטַארְקְט עֶס מִיר פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶער זוּן, עֶר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַארְ׳חָלוֹמְ׳טֶער, עֶר קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוּן זַיין פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת אוּן פַאנְטַאזְיעֶס. דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, וַוייל עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, עֶר זִיצְט רוּאִיג אוֹיף זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט אַנוּנְג וָואס מְ׳הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער סְ׳אִיז מַמָּשׁ וִוי קְרִיכְן אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט, נָאר וֶוען אִיךְ שְׁרֵייִ אִים אָן אָדֶער אִיךְ גֶעבּ אִים אַ פֶּעטְשְׁל, דֶעמָאלְט וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן אַבִּיסְל אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער סְ׳נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז וֶוען עֶר וֶוערְט ווִידֶער פַארְ׳חָלוֹמְ׳ט, בִּיז אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ לֵיידִיגֶער שְׁטְרִיק.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אַזוֹי לוֹיפְן, אוּן דָאס וָואס אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִים קוּמְט דָאךְ נָאר מִיט אַ גוּטֶע כַּוָּונָה אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ. וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין זוּן אִים נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִים נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן; אַז דוּ וֶועסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן וֶועסְטוּ עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, דוּ וֶועסְט אִים בַּאטִיטְלֶען מִיט אַ צוּנָאמֶען ׳חוֹלֵם׳, אָדֶער ׳פַארְ׳חָלוֹמְ׳טֶער׳ וְכַדוֹמֶה, אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים שְׁלָאגְן ה׳ יִשְׁמְרֵנוּ - וֶועסְטוּ אִים חָרוּב מַאכְן אִינְגַאנְצְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זַיין וֶועג. יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר וַואקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג. אֵיינֶער אִיז אַ שַׁארְפֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ גְרָאדֶער קָאפּ, אֵיינֶער אִיז אַ שְׁנֶעלֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ שְׁטַייטֶער קָאפּ; מִיט יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן גוּדְגְּדָא, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבֶּע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ; דָאךְ זֶעעֶן מִיר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיף אַלֶע טָהֳרוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם (תּוֹסֶפְתָּא תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, יְרוּשַׁלְמִי שָׁם). זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבּ לֹא עָלֵינוּ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט דַיין זוּן וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן לוֹיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט אִים טְשֶׁעפֶּען וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זִיךְ אִים עֶפֶענֶען, עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער תַּנָּא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן גוּדְגְּדָא (חֲגִיגָה ג.) אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען טוֹיבֶּע, זֵיי פְלֶעגְן זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן מַאכְן מִיט זֵייעֶרֶע לִיפְּן, הָאט רֶבִּי מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן גֶעזוּנְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס טוֹיבּ; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דֶעם קִינְד, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תש״פ)

<<<<<<

וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע מֶעכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, הֵן מִיט גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער הֵן מִיט פַּרְנָסָה.

צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי״ע אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק - נָאךְ אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר לֶעבְּן צוּזַאמֶען - צוּ אַ דִין תּוֹרָה. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער ל״ע, הָאבְּן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶטְ׳ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער מַזָל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַז בֵּיידֶע וֶועלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער. נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי דִין תּוֹרָה? אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק, אוּן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶוערְטֶער קְרִיגֶערֵיי, זַייט זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, נָאר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם. "אִיז וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה?" - פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי״ע. זִי הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז דָאס פַאבְּרִיק זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים, עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ; אוּן עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנָה׳ט, נֵיין! דָאס פַאבְּרִיק זָאל זַיין וַוייבּ נֶעמֶען, וָוארוּם עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם פַאבְּרִיק, אוּן זִי נֶעבֶּעךְ וֶועט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט, זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי״ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער פַאבְּרִיק וֶועט בְּלַייבְּן פַאר עֶנְק בֵּיידֶע, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ׳ן, אִיבֶּער אַ יָאר אִין דִי צַייט וֶועט אִיר הָאבְּן אַ בֶּן זָכָר!", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד פַארְ׳ן וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רס״ג - רס״ד): "דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט אַלֶעס עֶס זָאל זַיין אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲווֹנוֹת אוּן חֲטָאִים וְכוּ׳". אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן: וִויפִיל צַעַר אוּן לַיידְן הָאט זַיין וַוייבּ? צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ׳, זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א׳, מִכְתָּב ז׳)

## פַארְוָואס קוּמְט דָאס מִיר?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ט״ו) אַז וֶוער עֶס וִויל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דָאס מֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט׳ן, עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, "פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה?" אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ מִשְׁפָּט׳ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וִוי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זי״ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶע׳פּוֹעֶל׳ט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דָארְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְּל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה.

דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּט׳ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ק״ה:) כָּל הַמִּתְעַצֵל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים; אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ״ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען אַז דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צוּזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה׳:), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלָא דַיינָא? יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ רִיכְטִיגֶער חֶשְׁבּוֹן. דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד מִשְׁפָּט׳ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לִיכְט. וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א׳, מִכְתָּב ח׳)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (סד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער פְרַאנְצוֹיזִישֶׁער קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן בַּאלַאגֶערְט דִי שְׁטָאט עַכּוֹ, דִי אַראבֶער זָאגְן אַז זֵיי גֵייעֶן הַרְגְ׳עֶנֶען יֶעדְן וָואס בְּלַייבְּט אִין שְׁטָאט נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה, דֶער רֶבִּי לוֹיפְט צוּם יַם אוּן זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ שִׁיפְל, ר׳ יִצְחָק הֶערְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלָאפְן צוּם יַם**

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם קֶעסְטְל מִיט זֵייעֶרֶע חֲפֵצִים אוּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט, וַוייל וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַנְטְלָאפְן הָאט עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין שְׁלֶעפְּן דֶעם קֶעסְטְל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז אַ סְפַרְדִי׳שֶׁער אִיד אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שְׁלֶעפְּן דֶעם קֶעסְטְל, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן צוּם יַם.

צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין שְׁטָאט, וואוּ מְ׳הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁטָאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיט מֶעסֶערְס, אִיז כִּמְעַט נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ בִּכְלַל צוּ גֵיין דָארְט אִין גַאס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, אוּן צוּגֶעפִירְט אַז פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי אַראבֶער עֶפֶּעס אוֹיסְגֶערוּפְן אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּנֶעם דַאךְ פוּן מוֹיעֶר, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ דָארְט צוּזַאמְגֶעלָאפְן צוּ הֶערְן דִי נַייעֶס, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַ וֶועג דוּרְכְצוּגֵיין אוּן אָנְקוּמֶען צוּם יַם.

וֶוען ר׳ יִצְחָק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם יַם, הָאט עֶר גֶעזֶען אַסַאךְ שִׁיפְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן. עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט אִיבֶּערָאל גָאר אַסַאךְ, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן זִיצְן אִינֶעם קְלֵיין שִׁיפְל, דָאס שִׁיפְל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט אַרַאבֶער, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט אִינְמִיטְן צְוִוישְׁן זֵיי.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּזַאמְגֶעטְרָאפְן מִיט ר׳ יִצְחָק, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן בַּאזָארְגְט אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי דֶער צְוֵוייטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ בַּאגֶעגְנְט.

זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסְן דָארְט אַבִּיסְל אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שִׁיפְל, וָואס מְ׳רוּפְט "בַּארְקֶעס", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דִי שִׁיפְל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּפָארְן צוּם גְרוֹיסְן שִׁיף, וָואס מְ׳רוּפְט "אָקְרֶענֶע", וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעאַנְקֶערְט נֶעבְּן חֵיפָה.

זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי גְרוֹיסֶע שִׁיף אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מִלְחָמָה קַאנָאנֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס אַ שִׁיף פוּן סוֹחֲרִים דַארְף הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קְרִיגְס גֶעצֵייג, זֵיי הָאבְּן אָבֶער גֶעקְלֶערְט אַז אַזוֹי וִוי סְ׳אִיז יֶעצְט אַ קְרִיגְס צוּשְׁטַאנְד, דַארְפְן אֲפִילוּ צִיוִוילֶע שִׁיפְן זִיךְ אוֹיךְ בַּאוָואפֶענֶען.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הַאנְדְלְס שִׁיף, דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ קְרִיגְס שִׁיף, פוּל מִיט סָאלְדַאטְן אוּן אַלֶע סָארְט גֶעוֶוער. דִי סַכָּנָה אִיז פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס, צוּ זַיין נֶעבְּן דִי אַלֶע סָאלְדַאטְן, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוילְדֶע אַרַאבֶער, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ צוּ פָארְן מִיט זֵיי אוֹיפְ׳ן יַם.

**רפא**

צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין וֶועלְכֶע שִׁיף עֶר גֵייט אַרַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ סְ׳גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער שִׁיף וואוּ זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט דִי בִּילֶעטְן, אוּן עֶר אִיז בְּלוֹיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין עֶפֶּעס אַ שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שִׁיפְל וֶועט אִים צוּטְרָאגְן צוּ דִי מִלְחָמָה שִׁיף.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי״ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## פַארְוָואס אַוֶועקְמַאכְן אַנְדֶערֶע בָּתֵּי חִינוּךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

עֶס אִיז שׁוֹין פִילֶע יָארְן וָואס אִיךְ פִיר אַ בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת וָואס פִירְט זִיךְ בָּרוּךְ ה׳ עַל דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, פוּן וואוּ עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען טוֹיזְנְטֶער עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס, וָואס הָאבְּן וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת דִי חִינוּךְ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ, עֶס אִיז מִיר אָבֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים. פָארִיגֶע וָואךְ הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן צוּ הֶערְן אַ שְׁטִיקְל פוּן אַ שִׁיעוּר וִוי אִיר הַאקְט זֵייעֶר קֶעגְן דִי חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, אִיר זָאגְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ וִוילְן נִישְׁט יֶעצְט חֲתוּנָה הָאבְּן אִין דִי קָארָאנֶע צַייטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין גֶעהֶערִיגֶע טֵייעֶרֶע שְׂמְחוֹת, אוּן אִיר זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רֶעזוּלְטַאט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חִינוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אִין דִי בָּתֵּי חִינוּךְ.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג צוּ הֶערְן וִוי אִיר רֶעדְט קֶעגְן בָּתֵּי חִינוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס פִירְט זִיךְ בַּדֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, מֶען לֶערְנְט מֵיידְלֶעךְ צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת, מֶען לֶערְנְט מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן דֶערוֹיף אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע חִינוּךְ?

אִיךְ וָואלְט אַייךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, הֱיוֹת יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, אוּן בְּדֶרֶךְ כְּלַל מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט אִינֶעם צְוֵוייטְנְ׳ס דֶרֶךְ, אָבֶער הֱיוֹת אִיךְ וֵוייס אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן תַּלְמִידוֹת אוּן לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד וָואס הֶערְן אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן דָאס קֶען מַאכְן אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע ווִירְקוּנְג אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי קוּקְן אָן דִי מוֹסְדוֹת הַחִינוּךְ וואוּ מֶען עֶרְצִיט זֵיי, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ דָאס פַארְשְׁטֵיין.

**יִישַׁר כֹּחַ, אַ מְנַהֵל פוּן אַ בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ״ד אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אִין דִי צַייט וָואס דִי רֶעגִירוּנְג לָאזְט נִישְׁט מַאכְן גְרוֹיסֶע חֲתוּנוֹת וַוייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִין אֵיין פְּלַאץ, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חֲתוּנָה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג קֶענֶען דָאס נִישְׁט מַאכְן אִין גְרוֹיסֶע זַאלְן, נָאר זֵיי דַארְפְן דָאס מַאכְן אוֹיף אַ בַּאשֵׁיידֶענֶעם וֶועג, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת.

דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט אַ כַּלָּה וֶוערְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לְחַיִּים, אוֹיף דִי רַייכֶע תְּנָאִים אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה נַאכְט, דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא מִיט דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין כַּלּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פְּלֶענֶער פַאר שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע רַייכֶע חֲתוּנוֹת, אַז זֵיי זִיצְן יֶעצְט אוּן וֵויינֶען אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע רַייכֶע חֲתוּנָה, זֵיי וִוילְן דָאס עֶנְדֶערְשׁ אָפְּשְׁטוּפְּן, אַבִּי דִי חֲתוּנָה זָאל זַיין אִין אַ זַאל מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן.

יֶעצְט וֶוערְט נִתְגַּלָּה פַאר אַלֶעמֶען וִוי לֵיידִיג אוּן לֶער מֵיידְלֶעךְ וַואקְסְן אוֹיף דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶרֶע יָארְן אִין סְקוּל, יֶעצְט וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז זֵיי וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קַיין אַנוּנְג וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז; אַז מֵיידְלֶעךְ זָאגְן אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, וַוייזְט דָאס אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, וַוייל דִי גַאנְצֶע פְרֵיילִיכְקֵייט פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז נִישְׁט דִי חֲתוּנָה אַלֵיינְס, נָאר דִי חַבֶר׳טֶעס, דִי זַאל, דִי מוּזִיק, דִי בְּלוּמֶען אוּן דִי טֵייעֶרֶע כַּלָּה קְלֵייד וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז נִישְׁט אַ חִינוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ פוּן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען וָואר וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא וָואלְטְן דִי מֵיידְלֶעךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן: מִיר וִוילְן גָארְנִישְׁט, מִיר דַארְפְן גָארְנִישְׁט, מִיר וִוילְן נָאר טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, נִישְׁט שְׁטֵיין אוּן אוֹיסְגֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד; מֶענְטְשְׁן וֶוערְן קְרַאנְק פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה שֶׁוֶוענְדְט מֶען אַוֶועק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב; פוּן וֶוען מֶען מַאכְט דֶעם שִׁידוּךְ בִּיזְ׳ן לְחַיִּים, תְּנָאִים – אִיז מֶען שׁוֹין אַ בַּעַל חוֹב פוּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער אוֹיבּ נִישְׁט מֶער, יֶעדְן טָאג וָואס מֶען הָאט אַ חָתָן כַּלָּה אִין שְׁטוּבּ קָאסְט עֶס אָפּ פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער; פַארְוֶועם? פַארְוָואס? פַאר דִי מֵיידְל וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס לֶעבְּן אִיז? דִי מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, מֶען וָואלְט זֵיי גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען זֵיי זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת; מֶען זָאל חוֹזֵק מַאכְן פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר, דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ קוֹיפְן אַ כַּלָּה קְלֵייד פוּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה; מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי אַ חוֹזֵק, אָפְּשֶׁפֶּעטְן פוּן לֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן. דָאס אִיז דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

וָואס טְרַאכְסְטוּ, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דִי טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת? וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז עֶלְטֶערְן וֶוערְן צֶעבְּלוּטִיגְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַאכְן שִׂמְחוֹת? אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן בְּשַׁעַת אַ שִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט הַנָאָה צוּ הָאבְּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן דִי שִׂמְחָה דַארְף מֶען זוּכְן וואוּ אוּן פוּן וֶועם צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ בִּיז עֶס טְרֶעט צוּ צוּם גֶעזוּנְט; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? נָאר דִי סְקוּלְ׳ס! מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דָאס לֶעבְּן

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

>>>>>>

אִיז, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי טִיפֶע לִימוּדִים וָואס זֵיי דַארְפְן בִּכְלַל נִישְׁט ווִיסְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען, מֶען מַאכְט זֵיי מְשׁוּגָע מִיט זַאכְן וָואס וֶועט זֵיי גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן; דָאס אִיז אַ חִינוּךְ וָואס דוּ רוּפְסְט דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

אִיךְ פְרֶעג דִיר, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז אִינְגֶעלַייט קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן? טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זֵיי ווִילְן לֶעבְּן אַ פָּשׁוּט'עֶ לֶעבְּן - וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת וַוייל זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אַלְץ פַאר יֶענֶעם, אַלְץ פַאר דִי חַבֶר'טֶעס פוּן סְקוּל; דָאס אִיז דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה וֶוערְן פַארְקְלֶעמְט, זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת וֶוען זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הַאלְטְן אִין אֵיין קוֹיפְן טֵייעֶרֶע חֲפֵצִים, טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועגֶעלֶעךְ (קֶערִידְזְשׁ) וְכַדוֹמֶה. דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פַאר חַבֶר'טֶעס; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם אוֹיבּ נִישְׁט דִי חִינוּךְ? וָואס בַּאקוּמְט אַ מֵיידְל אַלֶע אִירֶע יָארְן אִין סְקוּל? וָואס נֶעמְט זִי מִיט אוֹיף נָאךְ אִיר חֲתוּנָה פוּן אַלֶע יָארְן סְקוּל? דָאס אִיז אַ חִינוּךְ וָואס דוּ רוּפְסְט דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן סְקוּלְ'ס דַארְף מֶען אוֹיךְ רֶעדְן אִיבֶּער וֶוער עֶס אִיז שׁוּלְדִיג אַז יֶעדֶע צְוֵוייטֶע מֵיידְל אוּן וַוייבְּל דַארְפְן גֵיין צוּ טֶערֶעפִּיסְטְן זִיךְ הֵיילְן, אוֹיבּ נִישְׁט דִי סְקוּלְס וָואס לֵייגְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע לַחַץ אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פַארְהֶערְן סֵיי עֶנְגְלִישׁ אוּן סֵיי אִידִישׁ, דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי דְרוּק, אוּן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דִי בְּחִינוֹת וֶוערְן זֵיי פַארְשֶׁעמְט; דָאס אִיז דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא?! אוֹיבּ אַ מֵיידְל הָאט אַ שַׁארְפֶע פַארְשְׁטַאנְד אִיז זִי אַ מְצֻיֶּנֶת אוּן אוֹיבּ אַ מֵיידְל פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט וֶוערְט זִי פוּן דִי שְׁוַואכֶע אוּן זִי דַארְף שׁוֹין הָאבְּן הִילְף - דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?!

אַנְשְׁטָאט אוֹיסְלֶערְנֶען מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, זֵיי לָאזְן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, דִי בַּאבֶּע - שִׁיקְט מֶען זֵיי אַהֵיים מִיט הֵיים אַרְבֶּעט בִּיז אִין דִי שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת, דָאס אִיז אַ חִינוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת? דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַטָּרָה פוּן אוּנְזֶערֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעפֶּעגְט דִי סְקוּלְ'ס?

וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן פַארְמַאכְן דִי מֵיידְל סְקוּלְ'ס אִיז נִישְׁט פוּן דִי טְרֶערְן פוּן אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס וֵויינֶען אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פַּייְנִיגְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין סְקוּלְ'ס; מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן גָארְנִישְׁט ווִיסְן פַארְ'ן לֶעבְּן, מַאכְט מֶען זֵיי צֶעדְרֵייט מִיט לֶערְנֶען טִיפֶע חָכְמוֹת וָואס קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְּן. זֵיי דַארְפְן אֵיין זַאךְ ווִיסְן, אַז זֵיי זֶענֶען וֶוערְד, זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיב - זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נֶעמְט מֶען דָאס אוֹיךְ אַוֶועק פוּן זֵיי.

חִינוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט, נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס דָאס גַאנְצֶע חֵן דֶערְפוּן אִיז אַז עֶס טְרָאגְט אַ טֵייעֶרֶע נָאמֶען פוּן אַ קָאמְפַּאנִי; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי טִיטְשֶׁער אַלֵיינְס הַאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם, קֶען זִי דָאס נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען צְווִישְׁן אִירֶע תַּלְמִידוֹת. הַלְוַאי זָאל זַיין אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס מֶען זָאל אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְטְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תש"פ)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו עפענען א בית הדפוס אין ירושלים עיה"ק

שוין א שיינע שטיק צייט וואס "היכל הקודש" אין ירושלים האט זיך גאר שטארק אויסגעברייטערט, אנשי שלומינו אין ירושלים זענען זיך מחזק אינאיינעם מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מ'איז זיך מחזק מיט די שיעורים און ספרים פונעם ראש ישיבה שליט"א, און מ'האלט עס נישט נאר פאר זיך אליין, נאר מ'פארגינט אויך פאר אנדערע אידן, אז זיי זאלן אויך קענען אויפלעבן מיט עצות פון הייליגן רבי'ן, זיי זאלן אויך קענען טרעפן א וועג אין לעבן זיך צו קענען אן עצה געבן ברוחניות ובגשמיות.

אידן אין ירושלים עיה"ק נעמען אויף די מפיצים מיט גרויס פרייד, זיי זענען זיך מחי' מיט די ספרים, קונטרסים, און גליונות, עס לעבט אויף זייער גאנצע שטוב, און די פארלאנג איז געווארן גאר גרויס, ביז די איבערגעגעבענע מפיצים האבן זיך געזען מיט א פראבלעם אז די הוצאות צו דרוקן די ספרים ווערט צו גרויס און זיי וועלן עס נישט קענען נאכקומען.

דערפאר האבן זיי זיך ארייננגעלייגט אין דעם ענין און געזען אז אויב וועט מען אליין עפענען א בית הדפוס, וועלן די הוצאות פון דרוקן זיין פיל ביליגער, און יעצט האט מען אויפגענומען מיט גרויס פרייד די גוטע בשורה איבער דאס עפענונג פונעם בית הדפוס אין עיה"ק ירושלים, וואו מען וועט דרוקן ספרים און קונטרסים מיט אייגענע מאשינען, צו פארשפרייטן צווישן אידישע קינדער איבער גאנץ ירושלים בפרט און גאנץ ארץ ישראל בכלל.

פארשטייט זיך אז ביים איינקויפן די נייע מאשינען דארף מען האבן דאס געלט דערפאר, און דעריבער זענען אנשי שלומינו ארויסגעקומען מיט א בקשה צו אלע אידן אין ארץ ישראל וואס זענען זיך מחי' מיט די הייליגע ספרים, אז זיי זאלן צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן דאס אויפשטעלן דעם בית הדפוס, וואס דאס איז א זכות הרבים לדורות.

צו די געלעגנהייט האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א בריוו בעטנדיג אלע אנשי שלומינו זיי זאלן מקיים זיין די צוואה פון הייליגן רבי נתן וואס האט געזאגט פאר זיין פטירה "אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, עס זאל זיין 'יפוצו מעינותיך חוצה'; איר זאלט זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא'", דער ראש ישיבה שליט"א ענדיגט צו זיין בריוו אז "וואויל איז דעם וואס האט א חלק אין פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות פאר אנדערע, דער וועט זוכה זיין צו אלע ברכות און צו אלע ישועות".

אידן אין ארץ ישראל וואס ווילן מנדב זיין פאר דעם צוועק קענען דאס טון ביי אלע "נדרים פלוס" דורכ'ן אויסוועלן מנדב צו זיין פאר'ן חשבון פון "היכל הקודש ירושלים".

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקנו!**

***

# מסיבה פאר'ן כולל הקודש ברסלב

דעם דינסטאג נאכט איז פארגעקומען אין קרית יואל א שיינע מסיבה פאר'ן כולל היכל הקודש, ווי אנשי שלומינו האבן געהאט די געלעגנהייט ארויסצוהעלפן די פלייסיגע אינגעלייט וואס זיצן און הארעווען בהתמדה רבה און זענען זיך משלים בלימוד הלכה למעשה. דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויסגעפארן קיין קרית יואל זיך משתתף צו זיין ביי די מסיבה.

מען האט צוזאמגערופן די מסיבה צוזאמצונעמען געלט, למעשה האט זיך אבער אויסגעשטעלט אז מען האט אינגאנצן פארגעסן פון געלט, מען האט אנגעהויבן רעדן פון רבי'ן, עס איז געווארן אזוי ליכטיג, עס איז געווען אזוי שיין. אזוי ווי עס האט אמאל פאסירט ביי רבי נתן, ער איז געגאנגען מנחם אבל זיין איינעם פון אנשי שלומינו און מען האט זיך פארשמועסט פון רבי'ן ביז עס איז געווארן אזא ליכטיגקייט, מען האט אנגעהויבן טאנצן און פאטשן: "אשרינו מה טוב חלקינו שזכינו להתקרב לרבינו", שפעטער ערשט האט מען זיך געכאפט 'ווי קענען מיר טאנצן, מיר זענען דאך אבלים?!' אזוי איז געווען ביים מסיבה, מען האט אינגאנצן פארגעסן פון געלט און פון אלעס אנדערש, מען האט זיך מחי' געווען מיט די עצות פון רבי'ן.

ווען מען רעדט פון רבי'ן באקומט מען פלוצלינג אן התעוררות תשובה צו טון, מען געבט זיך א כאפ אויף פון שלאף, מען הייבט אן טראכטן: 'וואו בין איך אויף די וועלט? וואס איז דער תכלית? וואס טו איך דא?' מען הייבט אן טראכטן פונעם אייבערשטן, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן.

**ביום ההוא ישליך האדם את אלילי כספו ואת אלילי זהבו!**

***

# פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די פארגאנגענע וואך, ל"ג בעומר, איז געגאנגען אונטער די חופה א חשובער תלמיד הישיבה, החתן יקותיאל פעלדמאן נ"ו, בן מו"ה משה הי"ו, עב"ג בת מו"ה יונתן יודא ברייער הי"ו. די שמחה איז געווען גאר גרויס, מ'האט זיך געפריידט און געטאנצן און משמח געווען די חתן כלה אויף א הערליכן פארנעם.

ביי איינע פון די שבע ברכות האט דער חתן מסיים געווען 101 מסכת תענית, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון א חתן וואס איז זוכה צוצוגיין צו זיין חתונה מיט אזויפיל טויזנטער בלאט גמרא, אויסער די פילע אנדערע לימודים וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען.

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט פיל אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים.

**ויזכו לבנות בית נאמן בישראל!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יקותיאל פעלדמאן** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**
דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין
א קשר של קימא און א בנין עדי עד,
דורות ישרים ומבורכים

## וואס נאך דארפסטו?

"אלעס קומט מיר און יעדער קומט מיר",
דאס איז וואס ברענגט אזויפיל צרות פאר
מענטשן. ניין, קיינער קומט מיר גארנישט.
הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:
קול ברסלב
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 6, 2, 18**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**